# שבת בשבתו

**גליון הקהלה החרדית "מחזיקי הדת" אנטווערפען**

Jacob Jacobsstraat 22 - tel. 03-233.55.67

ב"ה, שנה כ"ו, גליון אלף תל"ט | עש"ק כ"ג מנחם-אב תשפ"ב

## עקב

**הדלקת הנרות: 20.38**

**פלג המנחה: 19.27 פלג ב': 20.24**

**מוצאי ש"ק: 21.49 ר"ת: 22.07**

**דף היומי כתובות מ"ד** | Nr 1499 | 19 AUGUSTUS 2022


נא לשמור על קדושת הגליון

## מפנינים יקרים

**ארץ זית שמן ודבש** (ח,ח)

יש להקשות מדוע כתוב "זית שמן" ולא כתיב רק 'ארץ זית', וכדכתיב "חטה שעורה" וכדו'?

ויש ליישב, דאיתא בגמ' הוריות (יג,ב) דזיתים גורמים לשכחה והשמן זית מועיל לזכרון, נמצא שבזיתים כשלעצמם יש גנאי שגורמים לשכחה, ולכן לא רצתה תורה להתפאר בשבח של ארץ זיתים, דמה שבח בכך דגורמים לשכחה, לזה השתבחה תורה דהיא ארץ זית שמן דהוא שבח דשמן זית מועיל לזכרון.

אך עדיין קשה, מהו דאמר "דבש" ולא אמר 'תמר', שהרי קאי בדבש תמרים ואם כן הול"ל 'תמר' כדאמר "חטה שעורה גפן תאנה ורימון", וכקושייתנו גבי "זית שמן"?

ויש ליישב ע"פ מאי דאיתא בגמרא תענית (ט,ב), שעולא ראה בבבל תמרים משובחים ואמר מלא צנא דסכינא בזוזא ובבלאי עסקי בתורה, הרי שאמר עולא שתמרים הם כמו סכינים לגוף כי התמר מזיק לגוף. ושפיר לתרץ אף לגביו שאין התורה רוצה להשתבח שא"י היא ארץ תמר דהתמר מזיק לגוף, לכן השתבחה בדבש שאינו מזיק. **(המשכילים יזהירו)**

**ואכלת ושבעת וברכת את ה' א-להיך על הארץ הטובה אשר נתן לך** (ח,י)

הנה בגמרא (ברכות כ,ב) נשים בברכת המזון דאורייתא או דרבנן. ופירש"י או דרבנן, דכתיב על הארץ הטובה אשר נתן לך, והארץ לא ניתנה לנקיבות להתחלק, ומה שנטלו בנות צלפחד חלק אביהם נטלו. וכתבו התוספות, תימה כהנים ולוים נמי תבעי שהרי לא נטלו חלק בארץ וא"כ לא יוציאו אחרים ידי חובתן בברכת המזון וכו' עיי"ש.

והנה הקשה הגאון הגדול רבי אלחנן וואסערמאן בעל הקובץ שיעורים ז"ל מכ"ק אדמו"ר האמרי אמת מגור זי"ע לפי שיטת הרשב"ם (ב"ב קכב,א ד"ה ועוד תניא) שלעתיד לבא ינתן חלק בארץ ישראל לשבט לוי, א"כ למאן דאמר דאין מצות בטלות לעתיד לבא איך יתעקר לאו זה מהתורה, דכתיב (דברים יח) לא יהי' לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק ונחלה עם ישראל, וכיוצא בזה מקשה הרשב"א (קידושין עב,ב) לענין עתידין ממזרים להטהר.

והשיב לו האמרי אמת ז"ל על פי מה שכתוב במדרשים (פסיקתא רבתי פ"א, ילקוט ישעי' רמז תק"ג) כי לעתיד לבא יתפשט בית המקדש ויהיה כירושלים, וירושלים כמו כל ארץ ישראל, וארץ ישראל ככל העולם כולו, והנה בקרא כתוב ונחלה לא יהי' לו "בקרב אחיו", היינו מה שניתן לאחיו, אבל בזה החלק שיתרחב ויתפשט משם יהיה חלק לשבט לוי, אבל מקרב אחיו היינו מה שניתן להם בזה לא יהיה ללוי חלק לעולם.

ובזה יש ליישב קושיית התוספות הנ"ל, דהקשו דהו"ל לגמרא להסתפק גם בשבט הלוי שלא יתחייבו בברכת המזון מדאורייתא כיון שלא נטלו חלק. וי"ל דמהאי טעמא שיהיה להם חלק בארץ לעתיד לבא, שפיר מיקרי שיש להם חלק גם עתה לענין זה שיוכלו ליתן שבח על הארץ. **(ליקוטי יהודה)**

**ואמרת בלבבך כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה** (ח,יז)

בפסוקים (יב-יד) כשהתורה מזהירה שלא יסורו מהדרך, כתבה לשון "פן", "השמר לך פן תשכח" או "פן תאכל ושבעת", וכאן לא מופיעה המילה "פן", ומדוע?

המשגיח של לייקווד רבי מתתיהו סלומון שליט"א אמר בשם רבי יחזקאל לוינשטיין זצ"ל, כל עוד זוכר האדם את אלקיו, אין מה לחשוש שיחשוב שכל מה שיש לו הוא מכח "כחי ועוצם ידי", אבל אם כבר התקיימו בו "ורם לבבך ושכחת את ה' אלוקיך וכו'", וכבר אינו מאמין, אז זה לא רק חשש "פן" שאולי הוא יגיד "כחי ועוצם ידי", אלא מובטח לו שכך ינהג, ויתדרדר עד למחשבת זדון "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה". **(מדשן ביתך)**

**ואפן וארד מן ההר וגו' ושני לוחת הברית על שתי ידי. וארא והנה חטאתם וגו' ואתפש בשני הלחת ואשלכם מעל שתי ידי** (ט,טו-יז)

ויש לדקדק מדוע מתחילה אמר לוחות הברית ואחר כך אמר הלוחות ולא אמר הברית?

ויש לומר דבו תרמוז למה שאמרו חז"ל במדרש כשראה העגל פרח הכתב, וכן כתב כאן הבעל הטורים דמשום הכי כתיב ואשלכם חסר יו"ד שפרחו יו"ד הדברות ע"ש. לפי זה אמר שפיר וארד מן ההר ושני לוחות "הברית" על שתי ידי, דאז עדיין היה קודם שראה החטא לכן קראם לוחות הברית, אמנם אחר כך וארא והנה חטאתם ואתפוש בשני הלוחות, דאז לא היו לוחות הברית אלא שני לוחות אבנים דפרחו מהן האותיות. **(גן רוה)**

---

ברכת מזל טוב חמה ולבבית
להרב הגאון
מוה"ר **יצחק זעקל הלוי פאללאק** שליט"א
דומ"ץ דקהלתנו
**ולכל משפחתו שיחיו**
**לרגל נישואי הבן עב"ג שיחיו**
ירוו מהם ומכל צאצאיהם רוב נחת וכל טוב
*מאחלת*
***הנהלת הקהלה***

---

שעות הפתיחה של

**לשכת הוראה**

**שע"י הבד"ץ דקהלתנו**

בבנין הקהלה יאקאב יאקאבס סטר. 22

**מספר טלפון: 03.208.4115**

**לפרשת ראה**

**לכל סוגי השאלות** (תורנות הרבנים משתנה משבוע לשבוע):

1) **כל יום לפני הצהרים משעה 9.30 עד 10.15**
ביום א': **הגר"ש בלז** שליט"א - בימים ב' ג' ד': **הגר"ד שיינבערגער** שליט"א
ביום ה': **הגרא"ח שטרנבוך** שליט"א - ביום ו': **הגר"א גולדמאן** שליט"א

2) **כל יום אחר הצהרים** (חוץ מיום ו') **משעה 14.00 עד 15.00**
לא יהיה דיין בלשכה, אפשר להתקשר ל**הגר"ע האניג 0495.47.17.35**, ל**הגרי"י ברייער 0483.59.10.50**, ל**הגר"נ געלדציילער 0488.41.70.97** או ל**הגר"ד שיינבערגער 0471.76.96.31**
אם אין מענה, נא להשאיר הודעה ברורה.

3) **כל יום משעה לפני השקיעה עד השקיעה** (בשבוע הבא משעה 20.30)
בימים א-ה: **הגר"ע האניג** שליט"א

**בעניני כשרות - בטלפון 03.232.00.21:**
**בבוקר משעה 10.00 עד 11.00** - ע"י הג"ר **אשר ח. שטרנבוך** שליט"א

**שירות מיוחד לערבי שבתות וימים טובים בטלפון:**
**03.208.4115** ואח"כ ללחוץ → **2**
**המתקשר מועבר לקבוצה של דיינים שליט"א, אם אחד אינו עונה זה עובר לשני, ומשני לשלישי וכו' עד שיתקבל מענה בע"ה.**

---

**קריאת שמע ליל ש"ק עקב משעה 21.41**
**סוף זמן ק"ש ש"ק עקב בבוקר**
**מג"א: 9.34/9.11 - גר"א: 10.10**

---

**בימים א' וב' פרשת ראה**
**יהיה משרד הקהילה סגור**
**לצורך דחוף אפשר להתקשר**
**לטל. 0486.40.19.22**
**מיום ג' יהיה פתוח**
**משעה 10.00 עד 11.30**

---

**ונתתי עשב בשדך** (יא,טו)

הדיוט שנתעשר ועלה לגדולה קנה לו "שטאָט" (מקום ישיבה) ליד כותל המזרח בבית הכנסת, בסמוך לרב.

פעם אחת שאל העשיר את הרב: זה עתה אמרנו בקריאת שמע, "ונתתי עשב בשדך" וקשה לי להבין איך הגיע עשו לקריאת שמע? חייך הרב וענה: זה פשוט מאוד, עשו היה עשיר מופלג וקנה לו "שטאָט" בקריאת שמע... **(במשנת הפרשה)**

---

## מתוך לוח הקהלה

**שבת פ' עקב**, כ"ג מנחם־אב.

**הדלקת הנרות:** 20.38 (פלג המנחה: 19.27 - פלג ב: 20.24)

מפטירין "ותאמר ציון" (ישעיה מט) עד "וקול זמרה". מברכין חודש אלול "יהיה ביום שבת קודש ולמחרתו ביום הראשון", (דער מולד וועט זיין שבת צופרי, 8 אזייגער, 16 מינוט און 5 חלקים) אין אומרים אב הרחמים. במנחה אומרים צדקתך. אבות פרק ד'.

**מוצאי שבת:** 21.49 (לשיטת ר"ת: 22.07)

**יום ה' פ' ראה**, כ"ח מנחם־אב, יום כיפור קטן מוקדם, נופלין על פניהם במנחה. (אף במקומות שלא אומרים סדר יום כיפור קטן בכל ערב ראש חודש, אמנם בערב ראש חודש אלול נהגו הרבה לאומרו).

**שבת פ' ראה, א' דראש חודש**, ל' מנחם־אב.

**הדלקת הנרות:** 20.23 (פלג המנחה: 19.15 - פלג ב: 20.12)

# רבי ישכר בער דאכנער זצ"ל

## אב"ד באניע - רב דביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר-אנטווערפען
## כ"ח מנחם אב תשנ"ב - שלשים שנה לפטירתו

**מגזע אראלים ותרשישים**

דער באניער רב, הגאון הצדיק רבי ישכר בער דאכנער זצ"ל, איז געבוירן געווארן אין יאר תרס"ה לפ"ק, אין די שטאט וואוניטש, צו זיין גרויסער פאטער הגה"צ רבי פנחס יוסף דאכנער זצ"ל, דער וואוניטש'ער רב, א אייניקל פון בעש"ט הק', הרה"ק רבי ר' פנחס'ל קאריצער, און פון הרה"ק בעל תורת חיים מקאסוב זי"ע און נאך קדושי עליון.

זיין מוטער הרבנית הצדיקת מרים ע"ה איז געווען א טאכטער פון הגה"צ רבי ארי' לייביש טייטלבוים זצ"ל אב"ד קרעשוב און רודניק, א אייניקל פון ארי' דבי עילאי, הרה"ק הישמח משה זי"ע, הגה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע והגה"ק בעל ייטב לב זי"ע.

דער באניער רב איז מנעוריו נתגדל געווארן אין שטוב פון זיין גרויסער פאטער הגה"צ רבי פנחס יוסף זצ"ל, וואס תחת חסותו אונטער זיין אויפזיכט איז ער נתגדל געווארן פון יונגווייז אן.

**בימי בחרותו**

אלס יונגער בחור'ל פון 14 יאר איז ער געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון הרה"ק רבי בן ציון האלבערשטאם מבאבוב זצ"ל הי"ד, און האט געלערענט אין ישיבת "עץ חיים" אין בריגעל וואס איז געשטאנען אונטער די פליגל פונעם באבוב'ער רבי'ן. און גאר שנעל איז ער דארט באקאנט געווארן אלס איינער פון די אריות שבחבורה, א בחור א חריף און א עילוי וואס אלע שארפע מוחות האבן געגארט זיך צו קענען מיט אים משתעשע זיין בתורה, זייענדיג א בור סוד שאינו מאבד טפה, און מיט זיין חריפות ובקיאות איז ער געווען טופח על מנת להטפיח פאר די אלע וואס האבן געוואלט נהנה זיין מאור תורתו.

לערנענדיג אין באבוב האט ער זיך געוואלט נעמען צו לערנען די עניני הוראה אין יו"ד ח"א, אבער דער באבוב'ער רב האט נישט געהאלטן אז די בחורים זאלן לערנען יו"ד איידער זיי האבן זיך משלים געווען אין אנדערע מקצועות, זאגענדיג אז ווען זיי וועלן זיך פארהערן די הוראה וועלן זיי זיך שוין שפירן גוט און זיי וועלן שוין נישט האבן קיין התמדה צו לערנען אנדערע מקצועות, דעריבער האט ער געהייסן אז זיי זאלן פריער לערנען אנדערע הלכות און מסכתות הש"ס.

ווען עס איז דעם רב אויסגעקומען צו זיין ביים באבוב'ער רב האט ער אים געזאגט אז ער האט פונקט געוואלט זיך נעמען צו לערנען יורה דעה, האט מען אים געזאגט אז דער רב האלט נישט דערפון דעריבער מוז ער זיך מונע זיין דערפון.

האט אים דער באבוב'ער רב געזאגט ליבליך: "דו מעגסט לערנען, דיר וועט עס צוניץ קומען".

עיניו שפיר חזו, ווען דער רב איז טאקע געווען א ערענסטער מורה הוראה כל ימיו פאר אידן, און גע'פסק'עט שאלות לאנגע יארן פאר הונדערטער אידן, גאר באזונדער די אלע יארן נאך די מלחמה ווען עס זענען געבליבען ווייניג רבנים וואס זאלן מדריך זיין די אידן בדרך התורה, איז אים גאר שטארק צוניץ געקומען דאס וואס ער האט נאך בימי בחרותו איינגעקויפט א יסודות'דיגע ידיעה אין די אלע ענינים.

**האיש מקדש - אין קשאנוב**

כשהגיע לפרקו איז ער געווארן אן איידעם ביי הגה"צ רבי חיים יעקב ראזענפעלד זצ"ל הי"ד, דער קאמינקער רבי, וועלכער האט געוואוינט אין די שטאט קשאנוב, גזע הגה"ק בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע.

דארט אין קשאנוב איז ער געווען סמוך על שולחן חותנו וועלכע איז געווען א איש מורם מעם און א גרויסער בעל מדריגה ועובד ה', און מיט די צייט האט ער אנגעהויבן צו משמש זיין בהוראה אין די שטאט קשאנוב און ער האט גע'פסק'עט שאלות לכל דורש ומבקש דבר ה' זו הלכה.

**שנות ראינו רעה**

בקש אותו צדיק לישב בשלוה, קפץ עליו רגזו פונעם צר הצורר, דער רשע שר"י, מיטן אויסברעכען פון די צווייטע וועלט מלחמה.

אין יענע יארן פארן קריג איז נסתלק געווארן זיין זיידע הגה"ק ר' מנחם מענדל זצ"ל דער בערהאמעטער רב, און זיין פאטער הגה"ק רבי פנחס יוסף זצ"ל איז געפארן איבערנעמען דאס רבנות בענקל אין בערהאמעטה וואס איז געווען אין בוקאווינע-רומעניען.

דאס האט געפירט דערצו אז אין איינע פון די טעג האט דער רב מחליט געווען צו גיין באזוכן זיינע עלטערן אין זייער איצטיגן וואוין ארט, און דער רב איז געפארן קיין רומעניען מקיים צו זיין מצות כיבוד אב ואם, און דאס איז טאקע געווען דער שליסל אז דער רב איז געראטעוועט געווארן מעמק הבכא, און זוכה געווען צו אריכות ימים ושנים און צו א זקנה מופלגת.

דער רב האט אין יענע יארן גאר אסאך מיטגעמאכט, אינאיינעם מיט די אנדערע אידן האבן זיי געליטן שווערע צרות, ווען מען האט זיי פארטריבן פון זייערע היימען, און אריבערגעברענגט אין די קאנצעטראציע לאגערן, אין טראנסניעסטרא, וואו אלע זענען מאביליזירט געווארן צו צוואנגס ארבעט, און געמוזט ארבעטן פאר די רשעים עבודת הפרך אונטער די שווערסטע אומשטענדן, ליידענדיג דערביי פון הונגער און אלע ערליי קרענק און מחלות רעות ר"ל.

פון צייט צו צייט האבן דארט אויסגעבראכן פארשידענע מחלות און מגיפות וואס האט זיך שנעל פארשפרייט צווישן די אידן, און הונדערטער אידן זענען דארט נעבעך אומגעקומען, צווישן די איז אויך געווען דעם רב'ס פאטער הגה"צ דער בערהאמעטער רב זצ"ל, און זיין מוטער די צדיקת ע"ה, וואס צוליב די שווערע אומשטענדן זענען זיי געווארן אנגעשטעקט מיט מחלות און זענען נפטר געווארן. טראץ די שווערע אומשטענדן האבן נאךביידע געהאט די זכיה צו קומען צו קבר ישראל.

עס איז אומגלויבליך וואס פאר א השגות דער רב האט אלס געהאט דארט אין דעם שרעקליכן לאגער, אין טראנסניעסטרא, וואס אויפצוטוהן פאר אידישקייט, אלסביישפיל קען דינען דאס וואס דער רב האט אויפגעבויעט ביי זיך אין שטוב א 'מקוה טהרה'... דער רב האט אין די מקוה אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אז זי זאל האבן די מערסטע חומרות והידורים וואס איז שייך געווען לויט די אומשטענדן, און ער האט מעודד געווען אלע אידישע שטובער זיך צו באנוצן מיט די מקוה למען קדושתן של ישראל.

אינאיינעם מיט זיין שוועסטער הרבנית הצדיקת מרת פרידא ע"ה (די שפעטערדיגע רעביצין פון כ"ק הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים עיה"ק ת"ו) פלעגט ער טוהן פעולות נמרצות צו פארשאפן האלץ אוןווארעמען די מקוה אין די קאלטע ווינטער נעכט, און א דאנק זיי האבן אסאך אידן זיך דערהאלטן ביי אידישקייט און נישט נאכגעלאזט אין די זמנים קשים ומרים פון די תורה והלכה.

**חבר הביד"צ אין טעמעשוואר**

ווען עס איז געקומען צו די ענדע פון די מלחמה און די גאנצער בוקאווינער געגענט איז באפרייט געווארן דורך די רוסן, איז דער רב אריבער געפארען קיין טעמעשוואר.

די רבנים אין טעמעשוואר האבן באלד באמערקט אז דער יונגערמאן "רבי בעריש" איז 'עפעס מער ווי סתם א יונגערמאן', און אז ער איז א תלמיד חכם עצום וירא שמים, און אין צוגאב צו זיין ריזיגן

(המשך בעמוד ג)

לע"נ הרה"צ רבי **ישכר בער** ב"ר **פנחס יוסף** זצ"ל

**דאכנער - אב"ד באניע-אנטווערפען**

נלב"ע כ"ח מנחם-אב תשנ"ב

**ת נ צ ב ה**

**היות שלא השאיר אחריו זש"ק מתבקש הצבור**
**ללמוד משניות לעילוי נשמתו**

## א יידיש ווארט

**ארץ אשר לא במסכנת תאכל בה לחם** (ח,ט)

"במסכנות" איז א לשון פון אוצרות ("ערי מסכנות"), דאס מיינט אז מען וועט נישט מורא אז עס וועט קומען א הונגער אדער א מלחמה, און אריינלייגען תבואה אין אוצרות זיך צו פארזיכערן צו האבען גענוג, נאר מען וועט זיין רוהיג אהן אוועק צו לייגען א רעזערוועו. (כלי יקר)

## פרקי אבות

**שמואל הקטן אומר בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך** (פ"ד מי"ט)

איתא בגמרא (ברכות כח,ב) אמר להם רבן גמליאל לחכמים, כלום יש אדם שיודע לתקן ברכת הצדוקים, עמד שמואל הקטן ותקנה. לכאורה מה החכמה המיוחדת בברכה זו שכולם לא יכלו לתקנה רק שמואל הקטן? אלא ברכה כזו שהיא על מפלת השונאים אין כל אדם יכול לתקנה בכונה גמורה שלא תתערב שום מחשבת נקם. אכן שמואל הקטן שהיה אומר "בנפול אויבך אל תשמח", הוא היה יכול לתקן ברכה כזו לשם שמים.

**(הגר"י אברמסקי זצ"ל, חזון יחזקאל - תפילה)**

## בינו שנות דור ודור

**כ"ג אב**

תקנ"ו: רבי דוב בעריש [ב"ר יעקב] גאטליב - יד הקטנה על הרמב"ם

תשמ"ה: רבי יעקב ישראל [ב"ר חיים פרץ] קנייבסקי - הסטייפלער - קהלות יעקב

**כ"ד אב**

תקפ"ח: רבי אפרים זלמן [ב"ר מנחם מאניש] מרגליות מבראד - מטה אפרים ועוד

תר"ע: רבי דוד[ב"ר ישראל צבי] אורטינבערג - רב דבארדיטשוב - תהלה לדוד

תרצ"ט: רבי שלום [ב"ר דוד] הלפרין מוואסלוי

**כ"ה אב**

תקנ"ה: רבי ישכר דוב [ב"ר אריה יהודה לייב] מזלאטשוב - בת עיני

תקצ"ד: רבי אברהם חיים [ב"ר נפתלי צבי] מלינסק

תקצ"ט: רבי יעקב משולם [ב"ר מרדכי זאב] אורנשטיין - ישועות יעקב - רב דלעמבערג

**כ"ו אב**

תשל"ב: רבי שלמה חיים [ב"ר ישראל] פרידמאן - האדמו"ר מסאדיגורא

תשל"ט: רבי יואל [ב"ר חנניה יו"ט ליפא] טייטלבוים - האדמו"ר מסאטמאר - דברי יואל

**כ"ז אב**

ת"ח: רבי יהושע [ב"ר יוסף] חריף - רב דקראקא - מגיני שלמה

תרמ"ג: רבי מנחם נחום דוב בער [ב"ר שלום יוסף] פרידמאן מסאדיגורא

תש"ב: רבי יהודה משה [ב"ר משה ישועה] פתיה - בית לחם יהודה

תשנ"ז: רבי שמואל צבי הירש [ב"ר אברהם אביש] הורוביץ - האדמו"ר מספינקא - וויליאמסבורג

תשע"ה: רבי משולם פייש [ב"ר מרדכי] הלוי לאווי - האדמו"ר מטאהש - עבודת עבודה

**כ"ח אב**

תרנ"ד: רבי נפתלי צבי יהודה [ב"ר יעקב] בערלין - הנצי"ב מוואלאזי'ן - העמק דבר

תשנ"ב: רבי ישכר בער [ב"ר פנחס יוסף] דאכנער - הרב מבאניע-אנטווערפען

**כ"ט אב**

תרס"ט: רבי שמואל [ב"ר צבי הירש] סאלאנט - רב דירושלים

תרע"ז: רבי יוסף מאיר[ב"ר אברהם יהושע העשיל] טווערסקי - האדמו"ר ממכנובקא

תש"ב: הקדוש רבי מנחם מענדל [ב"ר יהודה אריה לייב] אלטער - רב דפאביאניץ

תש"ה: רבי אברהם דוב [ב"ר מנחם נחום] טווערסקי מראחמסטריווקא

תשמ"ב: רבי אליעזר זוסיא [ב"ר ישראל אברהם] פארטוגאל - האדמו"ר מסקולען - נועם אליעזר

קלויז תפארת ישראל טשארטקוב

בנשיאות כ"ק מרנן האדמורי"ם לבית רוז'ין שליט"א

VAN LERIUSSTRAAT 37, 2018 ANTWERPEN | TEL. 03/232.9510

הננו לשגר בזה ברכת

**מזלא טבא וגדיא נאה**

למע"כ מורנו הרב הגאון

רבי **יצחק זעקיל הלוי פאללאק** שליט"א

דומ"ץ דקהלתנו

ומאציל מהודו בבית מדרשנו

ע"י השמעת שיעורים תמידין כסדרן

לרגל השמחה השרויה במעונו בנישואי בנו

היקר החתן המופלג בתוי"ש **גרשון** ני"ו

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין, ויזכה יחד עם ב"ב שיחיו לרוב תענוג ונחת מזיווג זה ומכל יו"ח, ועוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים.

**הגבאים והמתפללים**

---

**מזלא טבא וגדיא נאה**

ברכת מזל טוב נשגר בזאת למורינו הדומ"ץ

הרה"ג ר' **יצחק זעקיל פאללאק** שליט"א

ומשפחתו שיחיו

לכבוד יום שמחתו בעת נישואי בנו היקר

החתן המופלג בתוי"ש **גרשון** ני"ו

ויהי רעווא שיזכה לראות מלא חפניים נחת מכל יוצ"ח בבריות גופא ונהורא מעליא מתוך אושר והרחבת הדעת.

ובהזדמנות זו נכיר טובה ונודה להרה"ג שליט"א על עזרתו וסיועו הרב למען המוסד "בית נאמן" בכל עת במאור פנים ונפש חפיצה.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.

**צוות בית נאמן**

---

# באניער רב זצ"ל (המשך)

יחוס אבות איז ער א חכם ונבון, וואס איז שטארק געשעצט ביי יעדן וואס קומט מיט אים אין בארירונג, האבן זיי אים באלד ממנה געווען אלס "חבר הבית דין צדק", וואס האט זיך דאן בעיקר באפאסט מיט תקנת עגונות וואס איז געווען א ברענענדיג ענין וואס איז אין יענע תקופה געווען עומד על הפרק.

דער רב האט דארט אין טעמעשוואר פיל אויפגעטוהן פאר אידישקייט, און ער האט מרבה פעלים געווען אין יעדן הינזיכט, עס איז געווען שמעו הטוב הולך למרחוק, סיי אינעם הינזיכט פון פסק'ענען שאלות פאר די אידן, און סיי מיטן זיך אפגעבן בפועל אין אלע עניני תיקון הדת ברוב כשרון ותבונה, ביז מען האט אים פון דארטן אויפגענומען אלס רב ואב"ד אין די שטאט באניע.

**אב"ד באניע יצ"ו - בק"ק סאטמאר יצ"ו**

אין די שטאט באניע האט זיך נאך די מלחמה צונויפגעקליבן א גרעסערער קיבוץ פון ערליכע אידן, וועלכע האבן זיך שיין ארגאניזירט און האבן געוואלט דארטן ממשיך זיין מיטן ערליכן אידישן לעבענס שטייגער, און זיי האבן זיך געניטיגט אין א רב ומורה דרך וואס זאל זיי פירן על מבועי התורה והיראה, און אויפבויען די שטאט און די קהלה לשם ולתפארת.

דאן איז שוין דער נאמען פונעם רב געווען הולך לפניו, מען האט אים גערופן "טעמעשווארער דיין", און עס איז געווען באקאנט אז אין טעמעשוואר איז טעטיג א יונגער דיין, א תלמיד חכם עצום, א צאנזער אייניקל.

דער רב איז אריבערגעקומען קיין באניע לעבוד עבודת אב"ד, אבער טאקע אויך עבודת עבד פשוטו כמשמעו. ער האט אנגענומען דאס רבנות נישט ווי א שררה נאר ווי א שווערע און שטארק אחריות'דיגע אויפגאבע, און די תושבי העיר האבן איהם גאר שטארק מעריך געווען, זעהנדיג אין אים א איד א גאון וצדיק, און איינער וואס איז זיך מוסר נפש להעמיד הדת על תלה.

אויסער דעם איז דאך דער רב געווען א גרויסער בנן של קדושים און ער האט זיך געפירט בדרכי אבותיו הקדושים, וואס זיין דאזיגער רבי'שער מהות און פייערדיגער חסידי'שער התנהגות האט געצויגן אידן פון די גאנצע אומגעגנט ווי מיט א מאגנעטישער ציאונגס קראפט.

אידן פון אלע שטעט ארום באניע, בפרט חסיד'ישע אידן וואס זענען געווען געוואוינט זיך צו ווייקן ביי חסיד'ישע רבי'ס פאר די מלחמה, האבן אנגעהויבן צו קומען צום רב אויף שיינע שבתים און ימים טובים, און מען האט זיך געווארעמט ביי זיינע לעכטיגע טישן און ווארעמע תפילות.

פון די אנדערע זייט איז דעם רב'ס פאזיציע אין באניע געווען פארבינדן מיט פיל עגמת נפש און פיין, ווען דער רב האט געדארפט טראגן אויף זיך א ביטער שווערן עול, און העלפן די אידן בעת צרתם.

געווען איז דאס ווען עס איז געלונגען פאר די קאמוניסטן צו פארכאפן די מאכט אין רומעניען, און גאנץ רומעניען מיט באניע צווישן זיי איז אונטערגעפאלן די קאמוניסטישע הערשאפט.

די קאמוניסטן האבן דאן תיכף אנגעהויבן איינצופירן זייערע ביטערע גזירות פון רדיפת הדת, וואס דאס האט מיט זיך מיטגעברענגט א שווערן מצב פאר די אידן, ווען דאס אידיש לעבן איז געווארן זייער באגרעניצט און כמעט אוממעגליך.

איינע פון די שווערסטע נסיונות וואס דאס קאמוניזם האט מיט זיך מיטגעברענגט איז געווען אינעם געביט פון חינוך הבנים, און דער רב האט זיך אריינגעווארפן אין דעם ענין בלב ובנפש, און ער האט אריינגעלייגט אומגעהויערע כחות אז די אידישע קינדערלעך זאלן באקומען א ערליכן לויטערן אידישן חינוך. ער האט מסדר געווען אז נאכן גאנצן טאג לערנען אין די גוי'אישע שולעס, זאלן זיין די מלמדים קבועים וואס זיי זאלן פריש אנהייבן א טאג לימודים מיט די קינדער און לערנען מיט זיי תורה און יראת שמים, מדות און מעשים טובים, אז זיי זאלן כאטשיג קענען אויסוואקסן ערליכע אידן.

דארט אין באניע איז ספעציעל ארויסגעזעהן געווארן דעם רב'ס געוואלדיגער כח אין מדת הצדקה, זייענדיג אן אייניקל פונעם עמוד הצדקה והחסד, דער הייליגער דברי חיים זי"ע, וואס האט ביז די לעצטע פרוטה פארטיילט פאר עניים ואביונים, איז דער רב געווען א הולך בדרכי אבות, און זיין מדת הצדקה והחסד האט נישט געהאט קיין שאץ, נישט רעכנענדיג זיך מיט די סכנות וואס האט געדרויעט פון דעם קאמוניסטישען רעזשים.

ווען אין לויף פון די יארן זענען ארויפגעגאנגען די רבנים ומורי צדק פון סאטמאר קיין ארץ ישראל, זענען די ראשי הקהלה דאן אריבערגעקומען קיין באניע און זיי האבן זיך געבעטן צום רב אז ער זאל רחמנות האבן אויף די עדה הקדושה וואס געפונט זיך אן א רב און זיי האבן נישט קיין פאסטוך וואס זאל שטיין אין שפיץ און פירן די קהלה על מי מנוחות.

דער רב בטוב לבו האט נישט געקענט אפזאגען, און האט ער זיך אונטערגענומען צו פארן יעדע וואך צוויי מאל קיין סאטמאר, זיך דארט אומקוקן און

(המשך בעמוד ד)

---

נדפס על נייר Natuurvriendelijk - arm aan chloor

**ייראוך עם שמש**

**תפלת שחרית בימות החול כותיקין**

**בביהמ"ד פשעווארסק**

**בכל יום חצי שעה לפני הנץ**

**ביום א' ראה, בשעה 6.08**




# המשך דברי הימים
## של
# בית הכנסת הגדול אסטען
## שע"י קהילתנו הק'

**המשך משבוע שעבר** (הפוגרום בביהכ"נ):

מעניין מה שהר"ר יעקב פריעדריך הי"ו מספר בזכרונותיו ("הושענא נפש מבהלה", עמ' 103): באותו יום של הפוגרום, א' דחוה"מ פסח, שימשתי כמדריך בארגון החרדי של "צעירי אגודת ישראל", והיינו בטיול מחוץ לעיר עם קבוצת בחורים צעירים. בשובי מן הסיור אל הרחוב בו התגוררתי, נחרדתי לראות כי העיר אבלה כבתשעה באב. בסמוך למקום בו התגוררתי ברחוב קראון סטראט פגשתי בקבוצה קטנה של יהודים מודאגים, אשר פניהם רציניות במיוחד. נגשתי אליהם ושאלתים למתרחש - הם סיפרו ששני בתי הכנסת הגדולים שב"אסטען סטראט" חוללו. הפטרתי במשפט שהכעיס את שומעי: "הלואי שהמצב יסתיים בכך"... והפטרתי: "ושלא יבואו דברים גרועים מאלו". ההתנגדות לדברי והכעס על התבטאותי היו כה נחרצים עד שהונפו ידים להכות אותי. אני הבנתי את הענין היטב, אך יהודים אחרים לא רצו להאמין לכך, הם לא היו מסוגלים לתאר לעצמם בשום אופן שמתכננים כאן מסע של הרג ורציחה. ברגש הפנימי של העם היהודי - ישראל קדושים, אין פיסת מקום להחדיר תיאור כלשהו של רצח המוני רח"ל.

הר"ר יעקב הי"ו ממשיך לספר: בסביבות השעה שש בערב הנאצים הבלגים ירו באויר, לאות ופקודה שיש לכבות את האש הבוערת בבתי הכנסת. ביום המחרת נתלו כרזות ברחובות העיר המודיעות שהגרמנים הגנו על היהודים מפני האוכלוסייה הבלגית... ולכן אסור ליהודי לצאת מביתו לאחר השעה שבע בערב. כמו כן נאסר לצאת מן הדירה עליה נרשמו ב"יודן-רעגיסטאר", הכל כביכול בכדי להגן על היהודים מפני הפלמים... ע"כ.

לאחר המאורעות הללו, הגזירות נגד היהודים באנטווערפען המשיכו ביתר שאת, ולאט לאט נתהדקה החגורה על צוארי היהודים, עד שבערב תשעה באב שנת תש"ב התחילו עם ה"משלוחים" למחנות הריכוז וההשמדה, ויותר מ-13.000 אחינו בני ישראל מאנטווערפען נהרגו נשמדו ונשרפו חיים ובכל שאר מיתות משונות ואכזריות על קדושת השם במחנות בריינדאָנק, מיידאַנעק, טרעבלינקא, אושוויץ ושאר מחנות השמד באירופה ע"י הנאצים הארורים ימ"ש, בחורבן הכי גדול שפקד את כלל ישראל מאז היה לגוי. יזכרם אלקים לטובה עם שאר צדיקי עולם, ארץ אל תכסי דמם, כי דורש דמם אותם זכר לא שכח צעקת ענוים.

**חילול והצלת ספרי תורה**

כאמור, בעת הפוגרום של חוה"מ פסח תש"א, הוציאו הפורעים ספרי תורה מבתי הכנסת וזרקום ושרפום ברחובה של עיר בבזיון נורא. ספרי תורה שחוללו ע"י הצוררים ימ"ש נקברו בבית החיים דקהילתנו בפיטטע.

(המשך בגליון הבא אי"ה)

---

אפשר לקבל את ה"שבת בשבתו"

דרך ה-E-mail - נא לפנות:

**shabato.antwerpen@gmail.com**

**הנהלת הקהילה מאחלת ברכת מזל טוב חמה ולבבית לכל בעלי השמחה**

## שהשמחה במעונם

**מיטוואך כ"ז מנחם-אב Woensdag 24 augustus**

**זאב דאום - הדסה ברכה מאלוס**

Zevi Daum (Bexstraat)
Hadassa Malous (Van Eycklei)
Chupa: Belz 16.00 uur

## עליית חתן לתורה

**גרשון בן הרב יצחק זעקיל הלוי פאללאק נ"י**
**ביהמ"ד טשורטקוב**

*

**זאב ב"ר צבי רפאל דאום נ"י**
**ביהמ"ד זכרון בנימין**

*

**שלום ב"ר חיים מרדכי מייזליק נ"י**
**ביהמ"ד בעלזא אהל משה**

## בר מצוה

**אהרן ב"ר שרגא שמואל מיללער נ"י**

# באניער רב זצ"ל (המשך)

באהאנדלען אלע עניני רבנות.

עס האט אבער נישט לאנג גענומען ביז ווען דער רב האט געזעהן אז די ארבעט אין סאטמאר איז זייער ברייט און פארצווייגט, האט ער דאן עמטליך קובע משכנו געווען אין די שטאט סאטמאר, וואס איז געווען פיל א גרעסערע שטאט ווי באניע, וואו ער האט מיט גרויס סייעתא דשמיא אנגעפירט מיט אלע עניני רבנות.

ווי פארשטענדליך האט דער רב נישט געהאט אין פלאן דארט צו בלייבן, ווייל וויפיל ער האט אויפגעטון זייענדיג דארט איז דאס אבער געווען קלאר פאר אלעמען אז די קהילות אין אונגארן-רומעניען עקזיסטירן נאר אין א מצב פון בלית ברירה.

דער רב האט במשך די יארן עטליכע מאל געמאכט באמיהונגען ארויסצוקומען פון אונטערן אייזערנעם פארהאנג צו די פרייע וועלט, וואו ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיטן דינען השי"ת אומגעשטערט, אבער דאס האט זיך אים נישט איינגעגעבן, צוליב דעם וואס די קאמוניסטן האבן געהאלטן די אידן דערשטיקט אונטער זייער פויסט און נישט ערלויבט ארויסצופארן פון לאנד.

**רב ד"יטב לב" - אנטווערפען**

בשנת תשכ"ג לפ"ק איז דעם רב ענדליך געלונגען צו פארלאזן דעם ארץ הדמים.

אנקומענדיג קיין ווין האט ער זיך פלאצירט אויפן ארט וואו אלע פליטים האבן זיך אויפגעהאלטן, וואס דארט איז פאר זיי געווען אלעס צוגעשטעלט פאר די צייט וואס זיי האבן זיך דארט אויפגעהאלטן, דארט האט דער רב ממש אויפגעלעבט, און ער האט זיך גענומען מיט א פרישקייט צו זיין אמאליגע עבודת השם מיטן גאנצן פלייס אין ברען.

דארט אין וויען איז אים אויך געקומען מקבל פנים זיין, זיין שוואגער כ"ק הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל וועלכער האט זיך מיט אים באגעגנט נאך אזויפיל יארן פון צער וואס איז אריבער אויף אים זינט זיי האבן זיך געזען דאס לעצטע מאל.

פון וויען איז דער רב געפארן קיין אנטווערפען, וואו דער קיבוץ תלמידי וחסידי סאטמאר וואס האבן זיך דארטן געפונען און געהאט זייער אייגן בית המדרש, האבן דעם רב פארבעטן אז ער זאל קומען דאווענען ביי זיי אין בית המדרש און פירן די עדה הקדושה.

דער רב האט נישט געהאט צופיל חשק צו בלייבן וואוינען אין בעלגיע, אבער נאך ווען ער האט זיך שואל עצה געווען ביי זיין רבי'ן בעל "דברי יואל" זי"ע, האט ער אנגענומען דאס התמנות אלס רב פון ביהמ"ד יטב לב ד'סאטמאר, א פאסטן וואס ער האט אנגעהאלטן פאר די קומענדיגע נאנט צו 30 יאר.

דארט אין דעם סאטמארער ביהמ"ד אין אנטווערפן האט זיין ליכט געשיינט, דארט איז ער אנגעגאנגען מיט זיין עבודת ה', און דארט זענען געשטאנען אידן וואס האבן צוגעקוקט זיין מהלך החיים, זיין סדר היום, און זיך פון אים געלערנט ווי אזוי א איד דינט השי"ת מיט מסירות נפש.

**ישׂשכ"ר חמור גרם רובץ בין המשפתים**

אידן אין אנטווערפן וואס געדענקען דעם גרויסן אור דאס לעכטיגקייט וואס האט געשיינט און באלויכטן ביי זיי אין שטאט, ווייסן פיל צו רעדן און דערציילן איבער דאס גדלות און דערהויבענקייט פונעם באניער רב זצ"ל.

פונעם טאג וואס דער רב איז אנגענומען קיין אנטווערפן האט ער זיך באשטימט זיין איידל באשיידן ווינקעלע וואס ער האט זיך מייחד געווען, וואו ער איז געזעסן און געלערנט מתוך הצנע לכת בקדושה ובטהרה.

אבער ווי באהאלטן דער רב האט פרובירט צו זיין, איז דאס פארט באקאנט געווארן פאר יעדן איינעם, און די הערצה וואס דער רב האט גענאסן ביי אלעמען איז געווען זייער גרויס.

טאג נאך טאג פלעגט דער רב זיצן עטליכע שעה רצופות אנגעטוהן מיט די תפילין און לערנען זיינע באשטימטע שיעורי תורה, דאס האט אנגעהאלטן אפילו ווען ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן, האט ער פון זיינע קביעות'דיגע שיעורי תורה בשום אופן נישט מוותר געווען.

זיין סדר היום פלעגט זיך אנהייבן גאר פרי פארטאגס, ווען ער פלעגט אויפשטיין 3-4 אזייגער און אנגעהויבן דעם טאג מיט תפילות תחינות ובקשות פון "שערי ציון" וואס ער פלעגט זאגן מיט גרויסע בכיות.

נאכן דאווענען פלעגט ער זיצן מיט די רש"י תפילין עטליכע שעה, און געלערנט עטליכע שיעורים ביז שפעט אין מיטאג, וואס דאן איז ער אהיימגעגאנגען פאר א טעימה און זיך געווענליך אנגעשפארט. און דאן אנגעטון די תפילין דרבינו תם, מיט וועלכן ער איז געזעסן און געלערנט נאך עטליכע שעה, אזוי אז כמעט דעם גאנצן טאג האט ער עוסק געווען בתורה ובתפלה זייענדיג מעוטר בטלית ותפילין.

ווען עמיצער האט זיך אמאל אויפגעטון פאר אים אז ער איז אויפגעשטאנען לערנען פארטאגס, האט ער אים געפרעגט ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט יענער געזאגט 5:30. האט אים דער רב געפרעגט מיט וואונדער "האלב זעקס הייסט אויך פארטאגס?!...".

דאנערשטאג ראה, כ"ח מנחם אב, יום כיפור קטן מוקדם, שנת תשנ"ב, האט דער גרויסער גאון וצדיק דער באניער רב זצ"ל אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה, אין טיפן עלטער פון 87 יאר.

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## הקמת מצבה

הקמת מצבה על קברה של
מרת **מאלא ראוך-ווייס-זוסווין** ע"ה
**תתקיים אי"ה ביום א' ראה**
**בביה"ח דקהלתנו בפיטעט בשעה 11.30**

## תורנות בתי מרקחת

**שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא**

**Wachtdienst** (9.00-22.00 uur)

| | |
|---|---|
| op vrijdag 19 augustus | |
| Plantijn, Plantin en Moretuslei 92 | 233.66.80 |
| Claeys, Quinten Matsyslei 11 | 232.54.22 |
| op zaterdag 20 augustus | |
| Justitia, Justitiestraat 81 | 237.45.14 |
| op zondag 21 augustus | |
| De Kroon, Brederodestraat 127 | 237.49.93 |
| op maandag 22 augustus | |
| Minerva, Brederodestraat 61 | 238.12.08 |
| op dinsdag 23 augustus | |
| Rotti, Lamorinièrestraat 187 | 239.09.56 |
| op woensdag 24 augustus | |
| Pieters, Lange Leemstraat 124 | 239.15.30 |
| op donderdag 25 augustus | |
| De Wilde Zee, Huidevettersstr. 38 | 232.73.37 |

*

**Na 22u. op 19 augustus** (ליל ש"ק):
Plantijn, Plantin en Moretuslei 92

*

Na 22u.: **0903.92248** (1.50€ per min.)

Dokter van wacht - 0900.10.512 **רופא תורן:**

HATZOLOH - 03.289.00.00 **הצלה:**

| | |
|---|---|
| **שמירה:** 03.218.91.00 | RUBIX - 03.271.28.13 |
| **גניזה:** 0488.05.25.16 | KESHET - 0474.20.56.55 |
| **בקור חולים:** 0.32.33.34.35 | **טאג:** 03.500.8947 |
| **מוקד ה.ר.ב.:** 00.972.2.502.02.02 | **טאג-מוסדות:** 03.808.49.49 |
| **רכב:** 0475.76.24.34 | **תומכי שבת ויו"ט:** 0486.69.08.93 |
| **שפרה ופועה:** 0489.35.64.77 | **שערי פרנסה טובה:** 03.808.39.39 |
| **שמייכעל:** 0489.79.07.33 | **חסדי אהרן:** 03.500.60.60 |
| **טהרנו:** 03.808.44.82 | ECJCE-JOBS - 0466.32.34.74 |
| **חי לייפליין:** 0495.19.81.00 | **מסילה:** 0489.84.17.17 |
| **מלב ללב:** 03.232.22.27 | **חברים:** 03.80.80.424 |
| **שלוה:** 0499.182.451 | Pinny's Data Bank - 0496.100.100 |
| **חזק:** 0485.37.18.42 | **שיעורים בטלפון:** 03.218.64.64 |
| IN TOUCH - 0486.89.11.90 | **קול הלשון:** 03.80.80.388 |
| **בוני עולם:** 03.500.11.05 | **וטהר לבנו:** 03.208.52.08 |
| A TIME - 03.500.10.75 | **קו השגחה פרטית:** 03.808.44.28 |
| **בית נאמן:** baisneemon@gmail.com | **גמ"ח לרפואת הוירוס:** 0485.05.6746 |

## VAKANTIEREGELING

***Bakkerijen:***

| | |
|---|---|
| GOTTESFELD | van 10 t/m 24 aug. gesloten tussen 13.00-16.00 |
| HEIMISCHE | open |
| KLEINBLATT | gesloten van 30 juli t/m 21 aug. |

***Beenhouwerijen:***

| | |
|---|---|
| BERKOWITZ | gesloten t/m 21 aug.<br>gesloten 22, 23 & 24 aug. open 10-17 u.<br>Vanaf 25 aug. normaal open. |
| DRESDNER | gesloten van 6 aug. t/m 21 aug. |
| MILMEAT | ma 8 aug. open 10-13 u. & 15-19 u.<br>van di 9 aug. t/m vr 26 aug. open 10-13 u.<br>behalve ma 15, di 16, wo 17 & vr 19 aug.<br>(helemaal gesloten). |
| MOSKOWITZ | gesloten van 13 t/m 16 aug. wo 17, do 18 & vr 19 aug. open tot 13 u. vanaf 21 aug. terug normaal open. |

***Gevogeltehandelaars:***

| | |
|---|---|
| MANDELOVIC | gesloten van 6 t/m 21 aug. |

***Restaurants Fleishig:***

| | |
|---|---|
| AL HAESH | gesloten op 18 aug. |
| BLUE LAGOON | open |
| HOFFY'S | open |
| K' the Best: | gesloten t/m 23 aug. |
| RIVI'S | gesloten t/m 18 aug. |

***Restaurants Milchig:***

| | |
|---|---|
| CONFETTI'S | van 14 t/m 25 aug. enkel open 18-22 u. |
| MAMA MIA | open |
| SHAYE'S | open |
| TIME OUT | gesloten van 6 t/m 24 aug. |

***Viswinkels:***

| | |
|---|---|
| BERNSTEIN | gesloten van 6 t/m di 23 aug. |
| DAGIM | gesloten van 8 t/m 25 aug., vr. 26 normaal open |
| HOFFMAN | open wo 10, do 11, wo 17 & do 18 aug. tot 14u.<br>vr 12 aug. & vanaf vr 19 aug. normaal open. |
| KORNIK | open wo 10, do 11, wo 17, do 18 & wo 24 aug. 10-12.30u. & 15-17u.<br>vanaf do 25 aug. 10u. terug normaal open. |

***Zuivelhandel:***

| | |
|---|---|
| HERCZL & GOLD | gesloten van 8. t/m 26 aug. |